# מיר האבן באקומען א איילאַדענונג
# צום ווייסן-הויז...

**מאמר השקפה**

ראש השנה

שנת תשפ"ז לפ"ק

**היום הרת עולם, היום יעמיד במשפט כל יצורי עולמים, אם כבנים אם כעבדים.**

ראש השנה תשפ"ז, הנה הוא עומד אחר כתלינו, תשפ"ו גייט צו די היסטאריע, א נחלת העבר, און דער הוה ווערט פארנומען דורך א ניי יאר, תשפ"ז.

פרישע 365 טעג קומען צו גיין, מיר קוקן ארויס אז זיי זאלן אונז ברענגען בעסערע נייעס.

עס איז שווער, זייער שווער, אידן גייען דורך זייער נישט לייכטע זמנים. מ'קען זיך שטעלן ביי יעדע 'אבינו מלכינו' און לאזן טרערן.

איבער אן אמת גערעדט, וואס ווילן מיר דען?!

אידישע קינדער קומען אין ביהמ"ד, מ'רייסט זיך ארויס פון בעט אין די פארטאגס שעה'ן צו זאגן סליחות, מ'נעמט זיך פאר קבלות טובות, יעדער האט א פעקל מיט בקשות, יעדער האט אזויפי צו בעטן.

אבער, וואס ווילן מיר דען?! וואס בעטן מיר דען?!

## אונזער הייטיגער אימת הדין

מיר גייען צו א נייעם יאר, הייליגער טאטע אין הימל.

דו האסט א שה פזורה ישראל, און זיי 'סטראגלען'... זיי מוטשענען זיך זייער שווער.

פארוואס?!

ווייל זיי ווילן זיין ערליכע אידן! זיי וואלטן זיך געקענט באפרייען פון אומצאליגע טירדות און שוועריגקייטן ווען זיי ווילן איינגיין אויף פשרות, און זיך מאכן לייכטער.

זיי צאלן טייערע געלט ווייל זיי ווילן נאר וואוינען צווישן יראים ושלמים. יעדע מאכל קאסט זיי פילפאכיג טייערער ווי ביים גוי, ווייל עס מוז זיין מיט'ן בעסטן הכשר. יעדע בגד קאסט זיי טייערער ווייל עס מוז זיין בתכלית הצניעות. זיי ווילן קענען צאלן 'שכר לימוד' אינעם בעסטן מוסד. ווען זיי באקומען א 'לא נתקבל' איז דאס ביי זיי דאס ארגסטע.

זיי זענען נישט גרייט צו שיקן די קינדער אין א שוואכערן מוסד, ווייל זיי ווילן דאס בעסטע. טראצדעם וואס נישט אלעמאל קענען זיי זיך מתגבר זיין אויף זייערע פערזענליכע נסיונות.

פארפאלן, עס איז 2026...

עס איז א שווערע וועלט.

אבער, דער רבש"ע האט נישט באנקראטירט. עס קומט זיך אונז מן הדין א גוט געבענטשט יאר.

כי אנו בניך ואתה אבינו.

אין אונזערע לעצטע טעג פון תשפ"ו האבן מיר באקומען גאר שווערע פעטש.

שרייבנדיג די שורות זיצן אידן 'שבעה' נאך גאר נאנטע קרובים, מסלתה ושמנה, וואס זענען אוועק געריסן געווארן פון אונז, טאטעס פון יונגע קינדער, מאמעס פון קליינע קינדער, חשוב'ע משפיעים פון כלל ישראל, אלעס בדרך לא דרך... און מיר ווילן נישט טראכטן פון שווערערע טראגעדיעס ווען עטליכע מאל אין די לעצטע וואכן זענען מאמעס מיט קינדער אינאיינעם באטראפן געווארן אין שווערע עקסידענטן.

עס ליגן מאמענטאל אין די שפיטעלער עטליכע אידישע מאמעס... אידישע מאמעס וואס האבן איבערגעלאזט קינדער אינדערהיים. מ'טראכט צי מ'זאל זיי בלאזן שופר... ווער ווייסט צי זיי הערן...

**זיי ווילן קענען צאלן 'שכר לימוד' אינעם בעסטן מוסד. ווען זיי באקומען א 'לא נתקבל' איז דאס ביי זיי דאס ארגסטע.**
**זיי זענען נישט גרייט צו שיקן די קינדער אין א שוואכערן מוסד, ווייל זיי ווילן דאס בעסטע. טראצדעם וואס נישט אלעמאל קענען זיי זיך מתגבר זיין אויף זייערע פערזענליכע נסיונות.**
**עס ליגן מאמענטאל אין די שפיטעלער עטליכע אידישע מאמעס... אידישע מאמעס וואס האבן איבערגעלאזט קינדער אינדערהיים. מ'טראכט צי מ'זאל זיי בלאזן שופר... ווער ווייסט צי זיי הערן...**

**היתקע שופר בעיר והעם לא יחרדו...**

אוי, וואו זענען מיר?! ווער פון אונז איז דען פארזיכערט, ווער ווייסט דען וואס מ'שרייבט דארט אויבן אויף אונז צום נייעם יאר.

מי לא נפקד כהיום הזה. והחי יתן אל לבו.

## ביים מלך אין פאלאץ...

מיר מוזן מאכן א חשבון הנפש, מיר גייען צו צום יום הדין.

איבער די גאנצע אידישע וועלט איז אין די לעצטע טעג געווען דער געשפרעך פון טאג, דער באזוך פארגאנגענעם דאנערשטאג פון א חשוב'ע דעלעגאציע אדמורי"ם; ראשי ישיבה; און עסקנים אינעם ווייסן הויז אין וואשינגטאן, אויף די פערזענליכע איינלאדענונג פונעם אמעריקאנער פרעזידענט דאנאלד טראמפ יר"ה.

> **דער גרויסער 'טראמפ', האט נאך מימיו נישט זוכה געווען צו לייגן תפילין, און שפירן א טעם אין שבת, נעבעך... יעדער איד ווי קליין ער איז, שטייגט פילפאכיג איבער דעם 'ריזיגן' גוי.**
> **טראכט אריין.**
> **דער גרויסער מלך 'טראמפ' האט נאך אין זיין 80 יעריג לעבן נישט געשפירט דעם זיסן טעם וואס מיר שפירן יעדן פרייטאג צונאכטס ווען מיר זינגען אויס דעם "ביני ובין בני ישראל אות היא לעולם, כי ששת ימים...". נעבעך, ער קען דאס נישט קויפן מיט זיין געלט אויך נישט...**

עס איז געווען דער געשפרעך פון טאג.

די קלענערע מוחות זענען פארנומען געווען צו דיסקוסירן די איינצלהייטן פונעם באזוך, צב"ש די פליגער פון די געלאדנטע געסט, די באגלייטער און באטייליגטע, די וויצלעך ארום און ארום, אלע די נארישע פאליטישע קרישקעלעך, און נאך אומצאליגע מינדערוויכטיגע איינצלהייטן.

די מער ערנסטע האבן געצויגן שטריכן צו די געהויבנקייט פון די טעג, און דאס פארגליכן צום מציאות, נאכדעם וואס אין אלע ספרי קודש ווערט כסדר דערמאנט משלים וואס טוט פארגלייכן דעם יום הדין צו א מענטש וואס ווערט גערופן זיך צו שטעלן פאר'ן דין ומשפט פאר א קעניג, און די ספה"ק טוען אויס'משל'ן דעם מציאות און דאס מקרב זיין אל השכל, ווי אזוי עס זעען אויס זיינע הכנות, ווי אזוי עס זעט אויס די צוגרייטונגען.

די אימה ופחד ווען מ'שטייט לפני המלך, יעדעס ווארט איז געמאסטן און געוואויגן, יעדע שריט איז פאראויסגערעכנט און איבערגעקלערט.

וויפיל כוחות מ'לייגט אריין אין די הכנות צו קומען צוגעגרייט, וויסנדיג אז דער מלך בשר ודם איז ביכולת אין איין רגע איבערצודרייען פון 'דין' צו '**רחמים**', פון '**מות לחיים**'. ווער רעדט נאך ווען ס'איז די רעדע פונעם "**אתה הוא מלך ק-ל חי וקים**".

העכערע בני עלי' האבן פשוט אויסגענוצט די געלעגנהייט בעסער אינזינען האבן ביי '**ברוך שלא עשני גוי**'. אז אויך דער 'גרויסער גוי' – וואס יעדער באטראכט אים אלס 'דער גרעסטער גוי פון די גאנצע וועלט' – איז אבער נאך אלס א 'פאלנער גוי', דער גרויסער 'דאנאלד טראמפ', מיט זיינע מיליאנען, ביליאנען, מיט זיינע 'טוויטערס', מיט זיינע 'פאלאוערס', מיט זיינע סטראשונקעס אויף איראן, איראק, רוסלאנד, אוקראינע, ציונים, עזה, כינע, אייראפע, איז ער נאך אלס א 'פשוט'ער גוי'...

דער גרויסער 'טראמפ', האט נאך מימיו נישט זוכה געווען צו לייגן תפילין, און שפירן א טעם אין שבת, נעבעך... יעדער איד ווי קליין ער איז, שטייגט פילפאכיג איבער דעם 'ריזיגן' גוי.

טראכט אריין.

דער גרויסער מלך 'טראמפ' האט נאך אין זיין 80 יעריג לעבן נישט געשפירט דעם זיסן טעם וואס מיר שפירן יעדן פרייטאג צונאכטס ווען מיר זינגען אויס דעם "**ביני ובין בני ישראל אות היא לעולם, כי ששת ימים...**".

נעבעך.

אבער דאך, ער איז א מלך, און אז מ'שטעלט זיך פארן מלך איז דאס צוגעגאנגען מיט'ן גאנצן כבוד המלכות, מיט א געהעריגע הכנה, גענוי ווי אונזערע רבי'ס האבן זיך געפירט אין זייערע צייטן ווען זיי זענען געגאנגען בארמונות מלכים, ווען מען האט געדארפט עוסק זיין צו העלפן אידישע קינדער, און אונטערנעמען מיטלען להעביר את רוע הגזירה.

עס איז געווען מערקווירדיג א נקודה, אז בשעת ווען די מנהיגי ישראל שליט"א האבן זיך באוויזן אינעם חצר המלכות, האט דער פרעזידענט זיי געצייגט אז ער ווייסט גענוי וואס און וויפיל מען האט געטון לכבודו, און וויפיל מ'האט זיך משתדל געווען אז ער זאל באקומען אסאך שטיצע. עס האט ביי אים געמיינט אסאך.

וואס זאגט דאס פאר אונז ווען מיר רישן זיך אין די טעג צו גיין נענטער צום '**מלך יושב על כסא רם ונשא**', און מ'גייט אונז דן זיין **מי לחיים, ומי ל**...

עס פאדערט א שטארקע התבוננות.

## חכמת אדם תאיר 'פניו'

אבער, לאמיר אוועק גיין פונעם 'נעבעכדיגן גוי', לאמיר גיין צום 'לעכטיגן איד'.

מיר זאגן יעדן טאג ביי סליחות "לך ה' **הצדקה ולנו בושת הפנים**".

וואס איז דאס **בושת הפנים**?

אין די לעצטע טעג האבן מיר געהערט א מעשה נורא וואס האט זיך אפגעשפילט בהיכלו כבוד פון **כ"ק גאב"ד ירושלים שליט"א**, אין די יעצטיגע טעג ווען א גרעסערע ציבור קומט אריבער פאר די ימים נוראים, להזכר ולהפקד, לברך ולהתברך, מקבל זיין די ברכה צום נייעם יאר פונעם פוסק הדור, דער רב שליט"א. מיט די פולע אמונה ובטחון אז דער פוסק הדור וועט פסק'ענען א שנה טובה ומתוקה, געוני ווי מ'פסק'נט ביים בית דין של מטה וועט מען אויך פסק'ענען ביים בי"ד של מעלה. עס איז כדאי צו באקומען אזא ברכה.

בתוך הבאים איז אריינגעקומען אינעם רב'ס חדר מיוחד א איד. עס איז געווען שטארק מערקווירדיג - אנדערש ווי יעדן וואס זענען דורכ'ן רב אויפגענומען געווארן במאור פנים, און ער האט ווארעם געוואונטשן - ווען דער איד איז אריינגעקומען, האט דער רב ספאנטאן אראפגעלאזט דעם קאפ, און ארויפגעלייגט ביידע הענט אויף די אויגן.

דער איד האט געבעטן א ברכה, אבער קיין תשובה איז נישט געקומען. בלית ברירה האט ער זיך אויסגעדרייט, און ארויסגעגאנגען בבושת פנים.

אינדרויסן האט ער זיך געמאכט א חשבון, אולי מקרה הוא, אפשר האט דער רב צופעליג איינגעדרימלט, אדער עס האט אים געכאפט א חולשה, און ער האט מחליט געווען צו פרובירן נאכאמאל.

עס זענען אינצווישן אריין נאך מערערע מענטשן, וואס יעדער איז אויפגענומען געווארן כראוי וכיאות. און ער שטעלט זיך אין די שורה, אבער צו זיין אנטוישונג האט זיך איבערגע'חזר'ט די זעלבע מחזה.

ווי נאר ער קומט אריין אין צימער, דער רב לאזט אראפ דעם קאפ, לייגט ער אויף די הענט אויף די אויגן, און א טאפנדע שווייגעניש באנעמט דעם צימער.

עס איז געווען א רחמנות צו זען דעם איד ארויסגייענדיג פון רב'ס צימער. 'בושת פנים' איז נישט דאס ווארט.

איינער פון די מקורבים וב"ב האט אים געוואלט מחזק זיין, איז צוגעגאנגען צו אים און אנגעהויבן צו רעדן און זאגן דערוועגן זאגט יענער איד, "ניין, ס'איז מסודר, איך וויס וואס דא גייט פאר."

"וואס גייט פאר?" פרעגט דער מקורב.

מיט א פארויטלטן געזיכט, מיט א שטילע, קוים הערבארע שטימע, ענטפערט דער איד "**איך האב היינט אינדערפרי אראפגענומען דעם פילטער פון מיין טאבלעט**".

קאמענטארן זענען איבריג. **ולנו בושת הפנים**.

הערנדיג די מעשה, נאך א ווײלע התבוננות האט אונז געכאפט א ערנסטע 'בושת הפנים'.

דער יונגערמאן איז נישט בייגעשטאנען זיינע נסיונות, ער האט אראפגענומען דעם פילטער און זיך אריינגעלאזט אין א שווערע נסיונות'דיגע וועלט אין חודש אלול.

**ארייגקומענדיג במחיצת הקודש פונעם רב שליט"א, האט ער געזען אז 'אין נסתר מנגד עיניו'.**

**יא, עס איז נישט קיין חידוש בכלל, הונדערט יאר עמל התורה, יגיעת התורה, עבודת ה' במסירות נפש, שאפט עפעס א הרגשה אז ווען עס קומט אריין עפעס וואס איז אומריין אל הקודש פנימה, שפירט זיך דאס.**

**קדושת התורה איז נישט סובל קיין טומאה...**

ארייגקומענדיג במחיצת הקודש פונעם רב שליט"א, האט ער געזען אז 'אין נסתר מנגד עיניו'. יא, עס איז נישט קיין חידוש בכלל, הונדערט יאר עמל התורה, יגיעת התורה, עבודת ה' במסירות נפש, שאפט עפעס א הרגשה אז ווען עס קומט אריין עפעס וואס איז אומריין אל הקודש פנימה, שפירט זיך דאס. קדושת התורה איז נישט סובל קיין טומאה...

ווען מיר טראכטן אריין, וואס דארף זיין אונזער הרגשה כלפי שמיא ווען מיר ווייסן "*לפניך נגלו כל תעלומות ויודע נסתרות שמבראשית*", "*כי אין נסתר מנגד עיניך*?!", אלע אונזערע סודות, אלע אונזערע באהעלטעניש, אלע אונזערע פארבארגענע זאכן איז אפן פאר'ן רבונו של עולם. ער ווייסט אלעס און ער זעט אלעס.

מיר האבן אויף א רגע געטראכט.

לאמיר זיך פארשטעלן, ווען עס וואלט ווען געווען נאר איינמאל א יאר, פאר א פערטל שעה, וואלט דער רבש"ע געמאכט אז מ'זאל זען אויף יעדנ'ס פנים אלעס וואס טוט זיך ביי אים אינעווייניג. ווער וואלט זיך נאך געטרויעט צו זינדיגן?!

ולנו בושת הפנים. מיר זענען זיכער נישט גרייט אז מ'זאל קענען ליינען אונזערע פנימ'ער.

מצד שני ווייסן מיר, און מיר גלייבן אז אויף אונזערע פנימ'ער קען מען אפליינען אונזער עבר, אלעס וואס מיר האבן געקוקט, אלעס וואס מיר האבן געזען, אלע נסיונות וואס מיר האבן געמיינט אז מיר זענען שטארקער דערפון, און מיר זענען במציאות דורכגעפאלן, איז דער פאקט אז ניין. דער יצר הרע איז גרעסער, און ער איז שטארקער פון אונז.

עס איז גרויסע בושות.

## לך ה' הצדקה, ולנו בושת הפנים

יא, אין די טעג האבן מיר אלע באקומען אן אפוינטמענט אריינצוגיין אינעם קעניג'ס פאלאץ. מיר זענען אלע געלאדנטע געסט נאנט צו גיין צום מלך, און מיר האבן א געלעגנהייט צו שתדל'ען און בעטן אונזערע בקשות און פארלאנגען פונעם מלך אז ער זאל אונז נאכגעבן וואס מיר דארפן.

אנדערש ווי א באזוך אין 'ווייט האוז', וואו יעדער דארף זיך פארשטעלן און מ'דארף זיך באקאנט מאכן און איבערווייזן פאר'ן מלך א שטיקל רעפוטאציע, **"איך האב אזויפיל און אזויפיל געטון פאר דיינעטוועגן, איך האב זיך אזויפיל משתדל געווען און אנגעשטרענגט פאר דיר, ממילא בעט איך יעצט עפעס אויף צוריק"**, איז אין אונזער פאל אנדערש.

**ולנו בושת הפנים.**

**מיר גייען צו מיט א גרויסע רשימה וואו מיר גייען בעטן און פארלאנגען: 'חיים טובים', 'כתבנו בספר החיים', 'כתבנו בספר פרנסה וכלכלה', 'כתבנו בספר גאולה וישועה', 'קרע רוע גזר דיננו', 'שלח רפואה שלימה לחולי עמך'. מיר ווילן אז דער מלך זאל אונז געבן און געבן אלעס וואס מיר דארפן.**

ולנו בושת הפנים. מיר גייען צו מיט א גרויסע רשימה וואו מיר גייען בעטן און פארלאנגען: **'חיים טובים', 'כתבנו בספר החיים', 'כתבנו בספר פרנסה וכלכלה', 'כתבנו בספר גאולה וישועה', 'קרע רוע גזר דיננו', 'שלח רפואה שלימה לחולי עמך'**. מיר ווילן אז דער מלך זאל אונז געבן און געבן אלעס וואס מיר דארפן.

אבער פון די אנדערע זייט, דארפן מיר פאר'ן מלך גארנישט זאגן ווער מיר זענען, און וואס מיר זענען.

ער ליינט אונזער פנים, און ער ווייסט גענוי יעדע איינציגע טריט און שריט וואס מיר האבן געטון א גאנץ יאר, וויפיל האבן מיר צוגעגעבן פאר זיין מלכות.

וויפיל פעולות האבן מיר געטון במשך דעם גאנצן יאר צו ממליך זיין דעם רבונו של עולם אויף די גאנצע וועלט, **"לראות מהרה בתפארת עוזך, לתקן עולם במלכות ש-ד-י וכל בני בשר יקראו בשמך"**.

אט דא קומט אריין דער בושת פנים, ווען מ'באווייזט זיך פאר'ן מלך און מ'קומט שתדל'ן, און מ'האט נישט קיין געהעריגע רעפוטאציע מיט וואס זיך פארצושטעלן "וואס האסטו געטון פאר מיינעטוועגן? וואס האסטו געטון מיך ממליך זיין אויף די וועלט?!"

אבער... מיר ווייסן "מדת בית דינך הצדק לא כמדת בית דין של בשר ודם". דער רבונו של עולם גיט אונז אלעמאל א צווייטע געלעגנהייט.

ראש השנה איז מלכות. ראש השנה איז דער זמן ווען מיר זענען ממליך דעם רבונו של עולם אויף דער וועלט. מיר שרייען אויס "המלך", "מלוך על כל העולם כולו בכבודך". מיר זענען ממליך דעם באשעפער איבער די גאנצע וועלט, און אויך אויף זיך אליין.

ראש השנה איז דער זמן ווען מיר זענען מקבל עול מלכותו יתברך, און מיר נעמען זיך פאר מיט א קבלה אויף להבא צו זיין עבדים נאמנים למקום, צו זיין געטרייע קנעכט פאר קודשא בריך הוא, אלעמאל געדענקען און נישט פארגעסן, "כי אנו בניך ואתה אבינו, אנו צאנך ואתה רוענו". מיר זענען אלעמאל משועבד מיט אלע אונזערע מעשים און אלע אונזערע רצונות נאר פאר'ן בורא כל עולמים אליין. און דער אב הרחמן איז ממלא אונזערע בקשות.

**לך ה' הצדקה!** דער אויבערשטער געבט אונז מיט זיין גרויסע האנט אסאך צדקה, בידו הרחבה והמלאה געבט ער אונז צדקה מיט א ברייטע האנט, כאטש **ולנו בושת הפנים**, מיר דארפן זיך שעמען צו באווייזן אונזער פנים, ווייל דער רבונו של עולם ווייסט וויפיל ס'קומט אונז און וואס ס'קומט אונז. אבער מיר זענען פארזיכערט, און מיר כאפן זיך אן שטארק במידת טובו וענותנותו.

אזוי גייען מיר צו מיט א זיכער הארץ און געפיל צום הייליגן טאג, מיט א פארזיכערונג און מיט א שטארקע אמונה, אז דאס יאר תשפ"ז, דאס איז דער השנה מיט'ן ה' הידועה, ווען מיר וועלן זוכה זיין ארויסצוגיין לחירות עולם.

היום הרת עולם, היום יעמיד במשפט כל יצורי עולמים.